# פון מיינע „שפיטאלניקעס“

מיר דרעמלען אונטער ווייסע קאלדרעס
גלייך גאסן ליגן אונטער שניי...

מיר זענען די שטיינער פון דער וועלט,
אונזער ווייכע בעט איז הארט.

די טעג צעקוועטשן אונזדאָס לייב,
די טעג לויפֿן אונז פאַרבײַ,
ווי רעדער לויפֿן־דורך דעם ברוק:—

ס'האָט אַ רויש געטון — איצט איז עס ווייט,
וואָס איז געבליבן? שאַרפֿע צייכנס,
צייכנס, צייכנס, גריבער־צייכנס, —

ליגן מיר קוקן מיר און ליינען שווער
די טיפֿע שפּראַך פֿון אונזערע וואונדן...

מיר רירן זיך נישט, ליגן פֿרעמדע ווי בּרוקן,
מעת־לעתן גייען איבּער אונז האַרט ווי רעדער.

נאָר אַמאָל ווערט אַלץ: שטילקייט און דראָונג און טונקל
(ווי עס קוקט אַראָפּ שטיל אַ כמאַרע צו דרערד)
און אויף אונז פֿאַלט פֿון ערגעץ אַזוי געדיכט טרויער
אַזאַ ווייכער טרויער און וויקלט אונז איין
די גופֿים די קוואַרע ווי ווינטער פֿאַרוויקלט
די גאַסן אין שניי, די גאַסן אין שניי...

ווערט אַלץ פֿאַרגעסן, עס טוט שוין נישט וויי...

נאָר אַמאָל שפּעט בּיינאַכט גיט אַ ווינטל אַ זיפֿץ,
ווערט אַזוי קאַלט און די איינזאַמקייט שרייט:
ווינטער...

דריקט מען צום האַרצן די קאַלדרעס די ווייסע
און מען שרעקט זיך פֿאַר זיי,
און מען דרימלט דורך זיי
אַ געבּעט:

גאָט גאָט גיב אַ פֿרילינג
פֿאַר די שווערע מענטשן וועגן...



פֿון מײַנע "שפּיטאַלניקעס"

אילוסטרירטע וואָך (וואַרשע, 1923–1925, 1928)

2, נומ' 17, מײַ 1, 1924, ז' 11